

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
**סאטמאר קינדערגארטן**
וויליאמסבורג

**שנה י"ז - גליון 790**
זמנים: עש"ק 8:13 – מוצש"ק 9:40

**פרשת בלק - פרקי אבות פרק ו'**
עש"ק ט"ו תמוז שנת תשפ"ה לפ"ק



## מזל טוב א שמחה ביי אידן – זומער פראגראם

## קרי"ש ליינען, וואך נאכט, ברית,

**די וואך** האבן מיר ווייטער ממשיך געווען מיט די שמחה פון א נייע געבוירן אינגל, ווי מיר האבן אזוי שיין מיטגעהאלטן דעם מנהג ישראל אז מען פירט זיך צו פארציילן א ספעציעלע מעשה פון דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש ביי די סעודת הוואכנאכט, (אויך איז געווען א שיינע פלעי דערפון זעה באזונדערע באשרייבונג) אזוי אויך האבן מיר שיין צוזאם געשטעלט א שיינע מזל טוב פעקעדעש, מיר האבן אזוי הנאה געהאט צו זעהן די קליינע קערידזש און קליינע באטי מיט די קענדי'ס, אזוי לערנען מיר זיך אויס ווי אזוי צו אנוואונטשן ביי א שמחה "**מזל טוב און אסאך אידיש נחת**".

## פארציילט אין לאנטש רום

**צוויי מעשיות האבן מיר געהערט די וואך.** קודם האט דער מנהל פארציילט אנפאנג וואך די באקאנטע **וואכנאכט מעשה.** מיר האבן דאס אזוי שיין מיט געהאלטן מיט פיל אינטערסאנקייטן. אויך אין חדר האבן מיר געזעהן דעם שיינעם ביכל, וואס מיין רבי האט אונז פארציילט, דאס האט מען אזוי שיין אראפ געלייגט מיט די ריכטיגע ווערטער, אזוי אז מיר ווען זייער שיין אלעס איבערדערציילן אינעווייניג אין דעם שיינעם ביכל.

**די אנדערע מעשה**

די מעשה פון **אנטינינוס מיט רבי** ווען דער רוימישער קעניג האט ארויס געגעבן די גזירה אז מ'טאר נישט טוהן די מצוה פון מאכן א ברית פאר א אידישע אינגל בעיבי, מ'טאר איהם נישט געבן א אידישן נאמען. אבער ווען ביי דעם גרויסן רבי פון די אידן רבי שמעון בן גמליאל איז געבוירן געווארן א נייע אינגל בעיבי און ער האט יא געמאכט די ברית אין שוהל און געגעבן א אידישן נאמען יודא, ווייל רבי שמעון בן גמליאל פאלגט דעם גרויסן קעניג פון די וועלט דעם הייליגן באשעפער. דעמאלטס איז א גוי'אישער מסור געגאנגען צום קעניג אויסזאגן און דער קעניג געוואויר געווארן אז די רבי פון די אידן פאלגט איהם נישט! ער האט יא געמאכט די ברית...

**איז ער זייער ברוגז** געווארן און הייסט איהם שוין קומען צו פארן מיט זיין נייע בעיבי, רבי שמעון בן גמליאל גייט מיט א וואגן צוזאמען מיט א סאלדאט פאליס צום קעניג, אזוי אינמיטן וועג האט מען גענעכטיגט אין א האטעל דארט האט מען אנגעטראפן א גוי'טע וואס האט אויך געהאט א נייע בעיבי און ווען זי האט געהערט די מעשה פון די אידישע מאמע האט זיך די גויאישע מאמע אנגעטראגן צו טוישן בעיבי'ס אזוי וועט דער קעניג איר גארנישט טוהן, אזוי איז טאקע געווען דער קעניג האט געזעהן אז איינער איז געווען סתם א מסור און געזאגט ליגנט ווייל דעי בעיבי איז א גוי'אשע בעיבי עס האט אפילו א גוי'אישע נאמען אנטינינוס. אזוי איז דער הייליגער צדיק מיט די בעיבי גערעטעוועט געווארן דער קעניג האט איהם צוריק אהיים געשיקט אן קיין שום שאדן, נאר דעם מסור האט מען אריין געלייגט אין דזשעיל.

**אויפן וועג צוריק** האט מען צוריק געטוישט די בעיביס. אזוי הערן מיר אז ווען די צוויי בעיבי'ס זענען שוין גרויס געווארן איז דער גוי'אישער בעיבי אנטינינוס געווען א גרויסער קעניג און רבי יודא איז געווען א גרויסער רבי פאר די אידן, דער קעניג אנטינינוס איז געווען זייער גוט צו די אידן ער איז געווען א גוטע חבר מיט רבי יודא דער גרויסער רבי פון די אידן. ער פלעגט קומען צו איהם אסאך ביז ער אליין איז אויך געווארן א איד. א ספעציעלע צעטיל מיט בילדער שיקט מען אהיים פון די מעשה אז די קינדער זאלן דאס קענען איבער דערציילן אינדערהיים.

## <u>חדר סקעדזשול שבעה עשר בתמוז</u>

**מיר ווילן מודיע זיין די חשוב'ע עלטערן אז דעם קומענדיגן זונטאג פ' פינחס - שבעה עשר בתמוז וועט מען אי"ה קומען אין חדר ווי יעדן זונטאג ד.מ. 10:25 די ערשטע סטאפ .**

**פרישטאג וועט מען עסן אין חדר**

**אהיים גיין וועט מען מיט איין שעה שפעטער ווי א געווענליכן פרייטאג ד.מ. 12:25 די ערשטע סטאפ.**

**די באסעס וועלן זיין צוזאם געשטעלט ווי די זומער פרייטאג און זונטאג סקעדשול וואס מ'האט אהיים געשיקט פארגאנגענע וואך.**

**א גרינגן תענית - מיט פיל דאנק — ההנהלה**

## <u>פרייליכע נייעס</u>

**קומענדיגע וואך דינסטאג וועלן מיר בעזהשי"ת האבן פאר די קינדער די שיינע גרויסע וואסער ריידס**

**<u>א טאג וואס קיינער וויל נישט פארפאסן!!!</u>**

**פאלגט נאך די ספעציעלע מודעות**

## די נייע וואסער גליטשערס

**די וואך** האבן שוין ב"ה אלע כיתות מיט געהאלטן דעם שווימען סדר אויפן סקעדזשול. די וועטער איז טאקע געווען זייערווארעם, און **די קינדער האבן הנאה געהאט געוואלדיג.** מיר האבן שטארק הנאה געהאט פון די "וואסער גליטשער'ס" ווי די קינדער האבן דאס פיין אויסגענוצט א שפרינג, א גליטש, א שפריץ, אלעס צוזאמען אמחי', יא די קינדער זענען זיך ב"ה מחי' א יעדע מינוט. אזוי ווי עס האט זיך אויסגעפעלט האט מען נאך א נייע וואסער גליטשער באקומען און דאס איז געוואלדיג גוט אז מיר **האבן ב"ה זייער הנאה, א טאנץ א גליטש א שפריץ אמחי' אמחי'!!**

**א מלמד קען זיין בייהילפיג!** עס איז וויכטיג צו באטאנען אויב ווייסט מען אז א קינד האלט נישט מיט דעם שווימען פאר א געוויסע סיבה און מ'דארף די הילף פונעם מלמד זאל מען זיך פארבינדן מיטן מלמד ווי מיר וועלן שטיין גרייט ארויס צו העלפן מיט וואס מ'קען אז דאס קינד זאל מיטהאלטן דעם שווימען סדר.

**עס איז איבעריג** ארויס צו ברענגען נאכאמאל אבער עס איז שווער צוצוזעהן ווי קינדער ברענגען וועש, אונטער וועש, **__אן קיין שום נאמען לעיבל,__** עס איז זייער פארשטענדליך אז א מלמד קען נישט האלטן חשבון ביים העלפן אויסטוהן און אנטוהן 25 קינדער ער זאל וויסן צוצוטרעפן צו וועמען באלאנגט די וועש אן קיין נאמען. **קיינער ווייסט נישט וועמען דאס איז,** דעריבער איז איינגעפירט אז די וועש וואס האבן נישט קיין נאמען לעיבל טוט מען אן פאר די וואס האבן נישט קיין וועש מיט קיין נאמען, נישט קיין חילוק אויב דאס איז זיינס אדער נישט. עס איז זייער וויכטיג צו האבן א נאמען – לעיבל אויף אלע אלע וועש אזוי ווערט דאס באגלייט מיט אחריות.





## ברוך הבא דער בעל עגלה ביי אונז אין חדר

**פון אנפאנג וואך** גרייטן מיר זיך שוין צו די גרויסע געסט א בעל עגלה מיט זיינע פערד און וואגאן, פריילך ביז גאר זענען מיר שוין געווען פון אנפאנג וואך, ווייל מיר וועלן קענען מיטפארן אויף א פיינע רייד מיטן בעל עגלה און שעפן פיינע לופט...

**דינסטאג אינדערפרי האט מען** שוין אויסגעטיילט פאר אלע וואוילע קינדער א טיקעט צו קענען מיטפארן מיטן בעל עגלה אויף זיין וואגן. ווען מיר באקומען דעם טיקעט צו קענען פארן זענען מיר שוין געווארן זייער פריילך.

**מיר האבן** שוין אסאך מיטגעהאלטן און געהערט פארשידענע מעשיות ווי מען פלעגט פארן מיט א וואגאן אין די אמאליגע צייטן, און נאך מער ספעציעל ביי די מעשה מיטן הייליגן בעש"ט וואס איז געקומען צו פארן מיט זיין בעל עגלה... אט אזוי וועלן מיר יעצט קענען פארן מיט דעם פערד און וואגאן, אזוי געשמאק און לופטיג. די טיקעט'ס וואס מיר האבן באקומען וועלן מיר געבן פאר'ן בעל עגלה כדי צו קענען מיט פארן אויף זיין וואגן. אזוי וועלן מיר האבן א פיינע רייד פונעם פערד און וואגן, עס וועט זיין פיין לופטיג אביסל ארום צו פארן, און זיך שפירן ווי אמאל.

**דינסטאג ביי פרישטאג** רופט שוין דער מנהל אויס **"ברוך הבא"** דער בעל עגלה מיט די 2 ווייסע פערד זענען שוין אנגעקומען צו אונז אין חדר, און מיר וועלן זיי באגריסן מיט א גוט מארגן דעם בעל עגלה מיט זיינע שיינע פערד. יא! מיר זעהן זיי עכט אלע קינדער זענען ארויס מיט עקסטאז און פרייליכקייט אזא גליקליכע טאג..

**ספעציעלע נייעס:** מיר ווערן זייער פריילך צו הערן, אז נישט נאר א קליינע רייד וועלן מיר האבן, נאר זייער א לאנגע וועג, ממש ווי אמאליגע צייטן וועלן מיר כאפן א שיינע רייזע ארום ארום עטליכע גאסן.

**ווען די ריכטיגע צייט איז אנגעקומען** א יעדע חדר באזונדער זיין צייט צו פארן און האבן א פיינעם רייד מיטן בעל עגלה. זענען מיר שיין אראפ און א שורה אונטן אויפן גאס לעבן דעם חדר בילדינג.

**יא! א פיינע רייד האבן מיר געהאט פונעם פערד און וואגן,** עס איז געווען פיין לופטיג אביסל ארום צו פארן, עטליכע גאסן ארום און זיך שפירן ווי אמאל ווען ס'איז נאכנישט געווען קיין קאר'ס. ממש ווי אין די אמאליגע צייטן.

## די וואך-נאכט מעשה

**די וואך** ווי מען לערנט אינעם זומער חדר **"מזל טוב א שמחה - ביי אידן"** פון די שמחה ווען א אינגל בעיבי ווערט געבוירן, האבן מיר גלערנט פון א קריאת שמע לייענען, וואכנאכט, ברית. האבן מיר געהערט פון דעם מנהג ישראל אז מען פירט זיך צו פארציילן א ספעציעלע **מעשה פון דעם הייליגן בעש"ט זי"ע ביי די סעודת הוואכנאכט,** די קינדער האבן זיך שטארק צוגעהערט צו די מעשה פון א צדיק וואס ברענגט אריין אין די קינדער אמונה און בטחון.

**און אויך** האבן מיר שיין אויפגעשפילט די וואכנאכט מעשה ביי **די מיטוואך פלעי,** ווי דאס האט מען אזוי שיין אראפ געלייגט פאר די קינדער, אויך לערנען מיר זיך אויס ווי אזוי צו אנוואונטשן ביי א שמחה **מזל טוב אסאך אידיש נחת.**

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

## די מיטוואך פלעי אין לאנטש רום "וואכנאכט מעשה"

**עס איז** הערליך שיין אויפגעשפילט דעם שפיל פון **די מעשה פון דעם הייליגן בעש"ט זי"ע** וואס מען פארציילט **ביי די סעודת הוואכנאכט**. דאס איז אזוי מייסטערהאפטיג אהער געשטעלט געווארן דורך די כיתה פון **הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א** די קינדער האבן ספעציעל שיין מיטגעהאלטן מיט געשמאק און הנאה.

**מיר זעהן** ווי דער טאטע (חיים יחיאל מיכל קויפמאן) רבי נחום (רופט מען איהם) איז זייער פרייליך אז עס איז ביי איהם געבוירן געווארן א אינגל בעיבי (יודא כהן) די טאטעס קומען אים געבן מזל טוב. א שמחה אין שטאט אלע קינדער שרייען "מזל טוב".

**אבער** נאכדעם זעהט מען ווי רבי נחום איז זייער טרויעריג ווייל ער האט זייער מורא פון דעם גלח, ווי דער שלעכטער גלח פלעגט אייביג פאר א ברית טשעפענען און צוכאפן די בעיבי'ס.

**איז רבי נחום געפארן** צום הייליג'ן בעש"ט זי"ע (יעקב הירש) מיר זעהן ווי די גבאי' (נפתלי הירצקא ווייס) מאכט אויף די טיר און ר' נחום קומט אריין צום צדיק ער זאגט אים הויעך מזל טוב און ווינטשט אים אן אלע גוטע זאכן. אבער די טאטע פארציילט פארן צדיק וואס דער גלח טוט אייביג און ער האט מורא און ער וויל זייער שטארק מאכן די ברית פאר זיין נייע אינגעלע בעיבי. האט דער הייליגער צדיק גוט אנגעוואונטשן אז מען קען מאכן די ברית און ער גייט קומען צו די וואכנאכט און צום ברית.

אין די שטאט איז געווארן זייער פרייליך ווייל דער הייליגער בעש"ט גייט קומען. די טאטע רופט א חדר א רבי' (שמחה ניסן מיטעלמאן) מיט קינדער (מאיר צבי הירש, שלום יוסף בערנשטיין, מאיר קלמן וויינגארטן, עזרא משה כאירה, שלמה מאסרי, אלטר פארגעס) זאלן קומען צו א קריאת שמע ליינען מ'ליינט שיין קרי"ש מ'זאגט הויעך אלע קינדער צוזאמען המלאך הגואל און **"וויפיל נעגל אויפן דאך אזויפיל מלאכים אויפן וואך"** די קינדער באקומען א פעקעלע און זיי וואונטשן אן מזל טוב און אסאך אידיש נחת.

מיר זעהן מ'גרייט צו א גאנצע וואכנאכט די טאטעס קומען (זעלבע ווי די קינדער פריער) מ'עסט מ'ווינטשט פאר ר' נחום אלע גוטע ברכות..

**דער הייליגער בעש"ט** (שלום גאלדבערגער) מיט זיין גבאי זענען אנגעקומען צו רבי נחום'ס הויז האבן זיי געזעהן ווי דער איד האט צו געגרייט א גאנצע וואכנאכט דארט זענען געווען אסאך טאטעס, א יעדער איז זייער פרייליך אז די צדיק איז געקומען אין אונזער שטאט און עס וועט זיין די ברית, נאכן וואכנאכט ווען אלע טאטעס גייען אהיים, האט דער הייליגער בעש"ט געהייסן צושפארן די טירן מיט די פענסטער'ס מען זאל פארשפארן די טיר און קיינעם נישט אריינלאזן. און זאגט אן זייער קלאר הער זיך צו צו מיר, און מאך נישט אויף קיין טיר. **"נישט עפענען די טיר פאר קיינעם אפילו מ'הערט __האקן__ אפילו מ'הערט __זעצן__ אפילו מ'הערט __שרייען__, אדער __קוויטשענען__.. פאר קיינעם נישט עפענען די טיר".**

**אינמיטן די נאכט** האט מען געהערט ווי איינער קלאפט אויפן טיר.. מיר זעהן ווער איז דארט ביי די טיר דער גלח ער האט זיך פארשטעלט ווי א קאץ (דוד חיים לעבאוויטש) ער פראבירט אויפצוברעכן די טיר און אריינקומען. אבער ווען דער קאץ האט געוואלט אריין קומען האט דער בעש"ט געהייסן מ'זאל אים אריינכאפן אין זאק אריין גוט אנשלאגן.

**גראם פון די וואך**

**מיר זענען געפארן מיט א וואגן, ווייל מיט דעם קען מען זיך גוט יאגן.**

**דער בעש"ט זאגט: הער זיך צו צו מיר, און מאך נישט אויף דעם טיר.**

**דער בעש"ט קלאפט דעם גלח אן די ביינער, און צוהאקט אים זיינע ציינער.**

**דער גלח** האט זיך אריינגעשטיפט אין הויז און דער הייליגער בעל שם טוב האט איהם גוט אנגעשלאגן ער שרייט **אַאָוטש...** צופרי' הערשט א גרויסע שמחה אין שטאט מען קען ב"ה מאכן די ברית און דער טאטע איז געוועהן זייער פרייליך.

**אלע טאטעס מיט אינגלעך** זענען געקומען אין שול צום ברית אויך דער בעש"ט מיט זיין גבאי מ'ברענגט די בעיבי מ'געט אים א נאמען די טאטעס פרייען זיך מטאנצט א שיינע טאנץ לכבוד די שמחה.

**ביים גלח אין שטוב זעהן מיר** ווי דער גלח (קלמן הערש קליין) ליגט קראנק אין בעט און דער דאקטער (שמעון מארמארשטיין) קומט צו פליען מיט זיין העלפער (משה לייב ווייסמאן) זיי לייגן בענדיטשעס און מעדעצין, דער גלח פארציילט אז עפעס א צדיק איז דא אין שטאט.

**דער גלח הייסט די באדינער** (נחום מאשקאוויטש, שמואל מאשקאוויטש) זאלן גיין רופן דעם צדיק דעם בעש"ט, און **דער הייליגער בעל שם טוב** קומט און זאגט ער האט נישט מורא נאר פון הייליגן בורא..ער מאכט א וויכוח מיטן גלח אויפן גאס דער גלח ברענגט שרעקעדיגע חיות לייבן בערן (שמואל קלאגסברוין, יצחק טובי' לעווי, זיסא ארי' לעבאוויטש) און דער הייליגער בעל שם טוב מאכט א רינג אבער די אלע חיות קענען נישט אריבערגיין די רינג. די בעש"ט בעט אז די תלמידים די טאטעס זאלן ליינען קרי"ש אזוי האבן די חיות גארנישט געקענט טון..

**נאכדעם איז געקומען צו פליען די פייגלעך** אויסשטעכן די אויגן פונעם גלח דער בעש"ט האט געזאגט אז דאס זענען די קינדער'לעך וואס ער פלעגט צוכאפן אזוי האבן דאס זייער שיין מיטגעהאלטן זי"ע

## געבן נאך א געלעגנהייט !!

**דער סדר פון שווימען** האט זיך ב"ה אויסגעשטעלט אויפן בעסטן פארנעם וואס קען נאר זיין, מיט שיינע און נייע שווימען גליטשערס. אויף וואס די קינדער פארברענגען און לעבן אריין ב"ה מיט פיל פיל הנאה, עס איז אבער מעגליך אז אין יעדע כיתה איז נאך דא עטליכע קינדער וואס האבן נאכנישט אזוי הנאה פון דעם שווימען בכלל, (עס איז דא אלע סארט קינדער) אבער אז מען פראבירט רעדן צו זיי און מסביר זיין, **"געבט דאס נאך א געלעגנהייט"** אזוי צוביסלעך ווילן זיי שוין אויך גיין שווימען.

**דעריבער** ווילן מיר זייער בעטן אפילו ווען א קינד זאגט אינדערהיים אז ער וויל נישט גיין שווימען זאל מען פרובירן רעדן צום קינד אז דאס איז זייער א גוטע זאך, און **בעיקר זאל מען מאכן זיכער אז די קינדער האבן די שווים זאכן אין חדר**, אזוי געט מען א געלעגנהייט פארן רבי'ן אויך צו צורעדן דאס קינד יא מיטצוהאלטן דאס שווימען. אזוי זעהן מיר א יעדעס יאר אז אפילו די קינדער וואס אין אנהויב ווילן זיי נאכנישט גיין שווימען, אבער מיט די צייט קומען זיי צום טעם און זיי ווילן שוין יא מיטהאלטן דעם שווימען סדר. **אבער** אויב שיקט מען נישט קיין שווים זאכן און דאס קינד גייט נישט שווימען ווערט שטארק געשטערט די שווימען סדר פון די גאנצע כיתה.

### וויכטיג און פאסיג

**עס איז זייער וויכטיג און פאסיג יעצט אין די זומער וואכן, אויסצולערנען פאר די קינדער אינדערהיים אביסל זיך אליינס צו קענען אויסטון און אנטון,**
**__יעצט ווען די מלמדים העלפן פאר א קינד מיטן גיין שווימען איז פיל שווערער ווען א קינד קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט גארנישט,__**
**אין חדר ווייזן די איבערגעגעבענע מלמדים וויאזוי זיך אויסטון און אנטון מיט א סדר אבער אז מען העלפט דאס אויך צו פון שטוב וועט דאס גיין אסאך גרינגער אי"ה.**

# די מיטוואך שפיל די וואכנאכט מעשה אויפגעשפילט ביי אונזער ״זומער חדר״ # 1



די טאטע פארציילט די פרייליכע נייעס ״מזל טוב״



אידן ווינטשן מזל טוב



די נייע אינגל בעיבי



דער בעש״ט לערנט אין זיין הויז



דער צדיק ווינטשט אן א מזל טוב



די טאטע פארציילט די צרה אז דער גלח....



דער צדיק זאגט איך וועל קומען  צום ברית



די טאטע רופט א קרי״ש לייענען



א רבי מיט א חדר לייענען קרי״ש



קינדער לייענען ערליך קרי״ש



אלע קינדער שרייען וויפיל נעגל אויפן דאך ....



מ׳באקומט א פעקעלע

# די מיטוואך שפיל די וואכנאכט מעשה אויפגעשפילט ביי אונזער "זומער חדר" # 2


די טאטע גרייט צו א וואכנאכט


אלע טאטעס קומען צום וואכנאכט


די בעש"ט מיט זיין גבאי קומען אן


דער צדיק ווינטשט אן פאר די טאטע ברכות


די בעש"ט זאגט אן נישט עפענען די טיר


דער גלח קלאפט אויפן טיר   ער האקט און זעצט


די טאטע מיטן צדיק בעטן צום באשעפער


דער גלח קעצי ברעכט אויף די טיר



דער בעש"ט כאפט אים אריין אין א זאק און שלאגט אים אן


מ'האקט אים אן די ביינער


עס גייט זיין די ברית

# די מיטוואך שפיל די וואכנאכט מעשה אויפגעשפילט ביי אונזער "זומער חדר" # 3



דער גלח ליגט אין בעט און רופט שנעל די דר.



די דאקטורים לייגן אים אסאך בענדיטשעס



דער גלח הייסט זיינע באדינער זאלן רופן דעם צדיק



דער בעש"ט קומט צום גלח



דער בעש"ט מאכט א רינג



דער גלח רופט חיות



די חיות קומען



די תלמידים בעטן



נאך חיות קומען



אבער קיינער קען נישט טשעפענען דעם הייליגן צדיק



די פייגעלער קומען צו פליען



זיי שטעבן די גלח.....

## זייער וויכטיג וועש לעיבלס - טוהן א חסד און אליינס הנאה האבן דערפון

**במשך די זומער וואכן** ווען די קינדער גייען שווימען, און זיי טוהן זיך אויס די וועש, איז אפילו מען האט א לעיבל קען זיך אמאל מאכן אז א קינד פארטוישט זיך מיט א שכן איינע פון זיינע וועש, איז דאס בעסטע זיך אליינס ארויס העלפן איינער דעם אנדערן מיט א חסד.

**ווילן מיר טאקע בעטן** זייער חשוב'ע עלטערן ווען מ'זעהט אז א קינד האט אהיים געברענגט וועש סיי וואס צום ביישפיל א ציצית, אדער א העמד, זאקן, וואס האט א לעיבל מיט א נאמען פון א צווייטן קינד, ביטע טוט א חסד און רופט אן דעם טעל. נומ. און שיקט דאס צוריק צום מלמד מיט א צעטיל אז דאס דארף מען איבער געבן פאר יענעם תלמיד. אזוי וועלן זאכן שנעלער צוריק קומען און נישט ווערן פארלוירן .

**די קינדער טוהן זיך ב"ה מער וויניגער אליינס אן** און עס מאכט זיך אמאל אז ער האט גענומען זיין שכנ'ס א זאך און קיינער קען דאס נישט באמערקן בשעת די גאנצע חדר ארבייט אויפאמאל מיטן זיך אנטוהן אפילו די קינדער האלטן באמת די וועש עקסטער יעדער אין זיין שווים בעג דאך מאכט זיך זייער אפט אז בשעת'ן אנטוהן קען זיך דאס פארמישן מיט א שכן.

**די קינדער** האבן באמת הנאה פונעם שווימען סדר, און אפילו עס קומט נישט אן גרינג פאר א מלמד טוט מען דאס גערן צו די הנאה פון די טייערע קינדער'לעך.

## עלטערן קענען אסאך ארויס העלפן !

**ווי באקאנט יעצט אין די זומער וואכן** פעלן אסאך קינדער פרייטאג און זונטאג און דעריבער האט מען צוזאם געשטעלט די באס רוט'ס. און ב"ה די ערשטע וואך שוין איז דאס געווען מיט א סוקסעס <u>די טראנספארטעישן מענעדזשמענט האט אריין געלייגט אסאך כוחות אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט</u> און עס האט זיך זייער שטארק אנגעזעהן ב"ה.

**מיר ווילן בעטן** זייער חשובע עלטערן מ'קען מיט א קלייניקייט אסאך צוהעלפן. עס איז דא באסעס וואס דארפן ארום פארן מערערע גאסן צוליב איין סטאפ פאר איין אינגל, ספעציעל איז דאס מער ביי די נייע געגענטער. **איז אויב א משפחה ווייסט אז זיי וועלן נישט זיין דא דעם פרייטאג אדער זונטאג <u>זאל מען ביטע זאגן פארן באס רבי דאנערשטאג</u>** אזוי וועט דאס אסאך גרינגער מאכן נישט צו דארפן פארן אין די שווערע היצן עקסטערע גאסן עס איז ממש איין קלייניקייט אבער טוט אסאך אויף.

**מיט פיל דאנק**



### די הערליכע מזל טוב פעקעדזש וואס מיר האבן צוזאמענגעשטעלט

**מיר האבן זייער פריילך צוזאם געשטעלט** מיט אונזערע הענטעלעך דעם שיינעם **"מזל טוב פעקעלע"**. מיין רבי האט אונז אלעס אזוי שיין אויסגעטייטלט און מיר זענען געווען זייער פארנומען מיטן דאס צוזאם שטעלן עס זאל זיין א שיינע **"מזל טוב פעקעלע"** א בערעלע מיט א באטי און א קערידזש מיט א בעיבי דערין אלעס אזוי זיס האבן מיינע הענטעלעך צוזאם געשטעלט, ווייל מ'טוט אונז אויסלערנען ווי אזוי צו מיטטיילן מיט א צווייטן א פרייליכע שמחה ביי א איד אין שטוב ווען מ'שיקט זאכן צומאכן די משפחה פרייליך זאל זיין שמחות מיט פיל נחת ביי אלע אידן. אמן

---

**ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל**

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב**
**פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה**

**הרב בנימין כהן שליט"א**

לכבוד די שידוך שליסן פון זיין זוהן החתן המפואר תמים למעלות ה"ה

**החתן יעקב דוב הכהן הי"ו**

עב"ג שתחי' בת הרבני הנכבד והנעלה ירא ושלם אוצר כלי חמדה פאר המעלות כש"ת

**מו"ה יעקב חיים הכהן פאללאק שליט"א**

בן מו"ה יצחק מרדכי הכהן שליט"א חתן מו"ה אברהם לייב שווארץ שליט"א

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן דער זיווג זאל עולה יפה זיין ס'זאל זיין א קשר של קיימא ובנין עדי עד זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל און שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

---

**ברכת מזל טוב חמה ולבבית**

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב**
**פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד**

**הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א**

צו די שמחה פון זיין אייניקל'ס אפשערן

**ה"ה הילד כמר יצחק הערשקאוויטש ני"ו**

ביי זיין איידעם האברך היקר והמפואר תמים למעלות כש"ת

**מו"ה משה ארי' הערשקאוויטש שליט"א**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

---

**ברכת מזל טוב חמה ולבבית**

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה**

**הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א**

לכבוד די געבורט פון א מיידל אייניקל

ביי זיין זון האברך היקר והנעלה פאר המדות ה"ה

**מו"ה אליעזר ווייזער הי"ו**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

---

**ברכת מזל טוב חמה ולבבית**

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב**
**פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד**

**הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א**

לכבוד די געבורט פון א אינגל אייניקל

ביי זיין איידעם האברך היקר והמפואר תמים למעלות כש"ת

**מו"ה יעקב יוחנן ברוין הי"ו**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

---

**נייעס ליין שער הנגינה**

**געוועהנדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי. 718 407-7460 1/5/6**

**הערט און האט'ס הנאה**

---

**ברוכים הבאים**

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן שוין אנגעהויבן צו גיין ביי אונזער חדר

**חיים נתן מיטטעלמאן, ישראל מאשער**

## וועערליידט דאס מערסטע

**א באס פין** איז געמאכט געווארן צו קענען וויסן די אינפארמאציע פון א קינד אין יעדן פאל. נישט נאר ביים גיין צום באס, נאר אויך אין חדר ווען א קינד מישט זיך אמאל אויף מיט זיין געוואוינהייט און שפאצירט אריין צו זיין קלאס פון א גאנץ יאר, ווי אזוי ווייסט מען וואו אהין מען זאל צו פירן דעם קינד, צום ריכטיגן חדר צו זיין רבי? **נאר מיט די באס פין**. סיי וועלכער מלמד גיבט א קוק אויפן פין און קען העלפן דעם קינד זייער שנעל. **אבער ווען א קינד האט נישט קיין באס פין קען מען איהם נישט העלפן, נישט צו גיין צו זיין קלאס, נישט צו גיין צו זיין באס חדר, און נישט צו זיין באס**, וואס פאסירט דעמאלטס? דאס איז איבעריג צו שרייבן!!

**נאכמער זונטאג און פרייטאג** ווען עס ווערן אמאל צוזאם געשטעלט קלאסן, מיט באסעס, דאס קינד האט אן אנדערן רבי'ן. אז ער האט א באס פין איז אלעס מסודר, און אז נישט? ליידט ער אליינס

**דער זומער חדר פין אליינס** איז נישט געגוג אויף צו וויסן אויף וועלכער באס דאס קינד דארף גיין..

**מאמי! פליז טוה אן מיין באס פין אויף מיר, יעדן איינציגן טאג!!**

**מאכט זיכער נישט אנטון די באס פין פון א גאנץ יאר, אפילו ס'איז די זעלבע קאליר, איז דא נאך אינפארמאציע דערויף וואס איז נישט די זעלבע.**

## וואס איז היינט געווען אין חדר?

**מיטצוהאלטן** א יעדן טאג וואס הערט זיך אין קינדערגארטן זומער חדר, קענט איר אריין רופן צו דעם נייעס ליין אויף

**718-407-7460 – 1-5**

אזוי אויך וועלן ווערן ארויפגעלייגט די זומער ניגונים פון חדר **ביים שער הנגינה אפטיילונג**

## חכמה'לע

ווען מ'האט אריין געלייגט אין די קליינע באטיס די 4 קענדיס פרעגט **נתן מאיר** פארוואס קענדיס אין א באטי???

## בלעם'ס אייזל





## מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם** ב"ר ישעי' **וואהלבערג** נ"ו
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יחיאל שטעסל שליט"א - הרב זלמן לייב דערבארימדיגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**בערל** ב"ר שמעון עוזר **ווייס** נ"ו
לכבוד די געבורט פון א פלומעניק
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב משה יודא הירש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה** ב"ר הרב הילל **הלברשטאם** נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין מומע
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק ליכטענשטיין שליט"א - הרב אברהם רובינפעלד שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם** ב"ר ישעי' **וואהלבערג** נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יחיאל שטעסל שליט"א - הרב זלמן לייב דערבארימדיגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**הערשי** ב"ר יואל ברח"ב **בלום** נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק ליכטענשטיין שליט"א - הרב אברהם רובינפעלד שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שמואל** ב"ר יצחק בנימין **עקשטיין** נ"ו
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א - הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יודא** ב"ר יוסף בר"ב **כהן** נ"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**בערל** ב"ר שמעון עוזר **ווייס** נ"ו
לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב משה יודא הירש שליט"א







## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג

שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען, מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג. **אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג,
אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**,
סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 6 – 718-407-7460 Ext 1**